STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01563

# ALE FENTSTER TSU DER ZUN

Kadia Molodowsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאדיע מאלאדאווסקי

# אלע פענצטער צו דער זון

(שפיל אין עלף בילדער)

פארלאג „ליטעראַרישע בלעטער"

ווארשע 1938

-37321-

Lm
5

Printed in Poland

K. MOŁODOWSKI
Ałe fencter cu der zun (drama)

Wyd. „Literarisze Bleter"
Warszawa, ul. Grzybowska 24

*Druk. „Grafia", Warszawa, Nowolipki 7.*

אויפפירונגען קענען געמאַכט ווער
נאָר מיט דער הסכמה פון מחבר

# פערזאנען:

בּוּם — א יינגל פון א יאָר עלף.

רחל לאה — זיין מאמע, אן אלמנה, א הענדלערין

מענדל<br>
יאסל ראזשינקע<br>
סימעלע פּוילער<br>
רייזל יונגאטש<br>
הערשל<br>
אנדערע קינדער<br>
} זיינע חברים.

דער צעטראגענער שניידער — בּוּמס באַלעבּאָס.

נחומקע<br>
רייזל יונגאטש<br>
אנדערע בעזעלן<br>
} ארבּעטן בּיים שניידער אין ווארשטאט

גראבּע דאמע<br>
דינע דאמע<br>
} קליענטקעס.

מאקס גראבּער — אן ארכיטעקט, אן אסטראָנאָם און א טרוימער

חנה רויזע<br>
יאנקל יוסע<br>
} די באַלעבּאטים, וווּ גראָבּער וווינט

הערשל בּער — אן אלטער שכן זייערער.

יידענע מיט א פּויגלש קולכל — א שכנה.

יידענע מיט באַסאָווער שטימע — א שכנה.

א סטאָליער, א שניידער און אנדערע שכנים.
א ברוווטרעגער.
מנחם מענדל, א מעקלער.
ראָטשילדאָוויטש — דער גביר.
די גבירטע, די גבירטשיקעס.
סעקרעטאַרן, טעלעפאָניסטקעס, דינער.
שטים איז ראַדיאָ.
דער טורעם.
געסט, וואָס באַטראַכטן דעם אַפּאַראַט:
א מיניסטער.
א צייטונגס־מאַן.
צוויי רייכע דאַמען.
אַנדערע געסט.

# בילד איינס

בום, אַליין אין שטוב, זוכט זיינע בוי־העלצלעך. די שטוב: אַ טיש, אַ פּאָר אַלטע בענקלעך, אַ גראַטקע מיט אויסגעשטעלטע טעלער, טעפּלעך און קריגלעך.

בום

אָנגעטון מיט אַן אַלט העמדל, קורצע הייזלעך, שיך־שקראַבעס.
ווו זענען זיי? אונטערן שאַנק?

זוכט אומגעדולדיק

אונטערן בעט? אויפֿן אויוון אינדערהויך?
אָבער ערגעץ זענען זיי פֿאַראַן.
און איך האָב שוין אויסגעטראַכט די באַן.

פֿאַרטראַכט זיך.

אָט אַזוי וועט גיין דער קוימען מיטן רויך.
און אָט אַזוי די רעדער.
טאַך־טאַראַך — טאַך־טאַראַך.

טאַנצט אויס דעם גאַנג פֿון אַ באַן

און אָט אַזוי די פֿענסטער
און אָט אַזוי דער דאַך.

זוכט די קלעצלעך און קען זיי נישט געפֿינען.

אַ גוטע מאַמע און שלעכטע!
זי ווייס נישט ווי עס וועט אויסזען דער וואָקזאַל.
אַזוי־אָ הויך ווי אַ טורעם ביי דער זייט,
און זען וועט מען אים זייער, זייער ווייט.

בום געפֿינט לסוף זיינע קלעצלעך, דערפֿרייט זיך שטאַרק, הייבט אָן בויען, טראָגט צו אַ טעלער, אַ טעפּל, אַ האַלבער־האָלץ, פּאַסט אַלץ אַריין אין דער אַרבעט.

אָהאָ, געפּאַקט די קלעצלעך: אַמאָ זענען זיי.
טאָ גיב זיך, טעלערל, אַהער אַ דריי.

*פּאַסט אריין א טעלער*

טאָ גיב זיך, טעצעלע, אַהין אַ שאַר.
און וואַלגערהעלצל גיב זיך אויך אַ שפּאַר

*קלאַפּט אריין א וואַלגערהעלצל און זינגט ארבעטנדיק.*

מיין באַן, מיין באַנעלע, בים, בים,
בום, בום,
די וועלט, די גאַנצע וועלט,
פאָר אַרום
בים־בים, בום־בום.
לויפט וואַגאָן נומער איינס,
לויפט וואַגאָן נומער צוויי,
און די רעדער טאַראַם, טאַראַראַם.
אינדערהויך,
בלויער רויך,
איין וואַגאָן פאָרט העט ווייט
ביז צום ים.

*עס קומט אריין יאָסל ראַזשינקע, ער נעמט זיך גלייך העלפן פונקט ווי ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט, און ער זינגט מיט*

## יאָסל ראַזשינקע מיט בומען

*זינגען*

איין וואַגאָן פאָרט העט ווייט
ביז צום ים.

## בום

*בלייבט שטיין אין באַגייסטערונג אנטקעגן זיין באַן, רופט אויס*

פּ א ס א ז ש י ר ן!

## יאָסל

*פאַרשטעלט אים דאָס מויל מיט דער האַנט*

שאַ, שאַ, שאַ,
און ווער וועט זיין קאָנדוקטאָר, האַ?

בום

איך.

יאָסל

שטופּט אַוועק

ניין, איך!

בום

איז טאַקע איך!

יאָסל

מיט שפּאָט

דו וועסט זיין קאָנדוקטאָר? טאָ זאָג, ווו איז דער מייך?

בום

יאָסל ראָזשינקעלע! דאָ גלייך!

יאָסל

גלייך? ווו גלייך?
אויף לינקס? אָדער אויף רעכטס?

בום

אין כעס

רעכטס, שמעכטס — הער זיך אויף צו שמירן,
אַז איך וועל זיין קאָנדוקטאָר
וועל איך שוין וויסן ווו צו פירן.

בום דערלאַנגט יאָסלען גאָר אומגעריכט אַ זעץ. מען הויבט זיך אָן צו שלאָגן. אינמיטן געשלעג בלייבט בום שטיין, כאַפּט אַרויס אַ ווייס טיכעלע, הויבט עס אויף ווי אַ פרידנס-פאָן און רעדט געלאַסן:

שלום, יאָסל, חבר, פרידך,
דו וועסט זיין קאָנדוקטאָר, נאַ די באַן און פיר

טוט אָן יאָסלען אַ קאָנדוקטאָרסקע היטל

און איך? איך וועל זיין דער בויער,

דער אינזשעניער.

## יאָסל און בוים

רופן צוזאמען

פּאַסאַזשירן!

די מיר גיט זיך אַ פּראַל אויף, עס גיבן זיך אַ שאָט אַריין די „פּאַסאַזשירן" דורך טירן און פענסטער.

## מענדל מעלער

אויסגעשטירט אין קריַיד, אין קויל, דאָס היטל אָן אַ זייט

## בערל בלעזער

מיט אַ פלאַש אין האַנט.

## דריזל ווינגבאַטש

אַ באָרהעס מיידעלע מיט אַ יינגלשן קעפּל, געשוירן ענערגיש.

## סימעלע פּוילער

מיט אַ טעקע ביכער אין האַנט.

## הערשל שאַפער

מיט אַ טרייבל אין האַנט סיגנאַליזירט בסדר.

## נאָך קינדער

די קינדער שטעלן זיך אַרום דער באַן, באַטראַכטן.

## דריזל ווינגבאַטש

צו יאָסלען

פאַרקויף מיר אַ בילעט!

## יאָסל

און געלט, ריידזעלע!

## דריזל

ציילט אויף אַ פוסטער האַנט

נאַ דיר, געלט,
נאַ דיר שמעלט.
נאַ דיר ברעלט,
גיב אַ רעשטע, יאָסל פּעשטע!

קינדער לאַכן.

## סימעלע

און איך פֿאָר אויך מיט סימעלע יוגגאַטש!

## בערל גלעזער

שוין זי פֿאָרט!
די באַן איז נאָך נישט גרייט,
זי רירט נאָך נישט פֿון אָרט,
אַבי זי פֿאָרט.

## הערשל שאַפער

גיט פּלוצלינג אַ סיגנאַל מיט זיין טרייבל און שרייט אויס

אָבער גיין, אַזאַ־אָ באַן וועט ווייט נישט גיין!
מען דאַרף אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ מאַשין,
די לאַמטערנעס דאַרפֿן ברענען רויט און גרין.

## ריווזל

געדעכט, הערשל גערעכט,
אונטן דאַרפֿן זיין די שינעס,
עס דאַרפֿן פֿייפֿן, פֿייפֿן די מאַשינעס,
און די באַן דאַרף לויפֿן, לויפֿן, לויפֿן,
עס דאַרף קלאַפּן טאַך־טאַראַך די שרויפֿן.

זי גיט אַ קלאַפּ אַראָפּ דעם קוימען מיט דער האַנט.

## הערשל שאַפער

יאָסל, נעם דעם האַמער,
סימע, זיי נישט פֿויל,
דערלאַנג אַהער אַ זעגל
און שטיי נישט מיט אַן אָפֿן מויל.

## אַלע

אַרבעטן

## בום

קוקט מיט באַגײַסטערונג ווי די קינדער אַרבעטן
אַך, ווי פֿײַן, די נײַע באַן וועט זײַן!

## אַלע

אַרבעטן און זינגען

מירן באַן, מירן באַנעלע,
בים, בים,
בום, בום.
די וועלט, די גאַנצע וועלט,
פֿאָר אַרום.
בים, בים,
בום, בום.
און מיר די פּאַסאַזשירן,
די באַן וועט אונדז פֿאַרפֿירן,
העט, העט,
העט, העט,
צו בערג,
צו טײַכן,
און צו שטעט.

די קינדער אַרבעטן איבער דער נײַער באַן. איין וואַגאָן באַוועגט זיך שוין אויף רעדער.

## הערשל

צו בומען

פּרוּוו־וואַגאָן נומער איינס.

## בום

גיט אַ פּרוּוו דעם וואַגאָן, דער וואַגאָן פֿאָרט
ער פֿאָרט!

## אלע

הורא! ער פאָרט! ער פאָרט!
מיר מאַכן ווייטער אונזער באַן,
און צו דער ארבעט יעדערער און צו זיין אָרט.

## רחל לאה

רחל לאה, בומס מאַמע, קומט אַריין אינמיטן דער שמחה מיט פּעק אין האַנט. אַ מידע, בלייבט שטיין געפּלעפט, דערזעענדיק די כּאַליאַסטרע

מזל טוב!

די קינדער צעלויפן זיך אין איין אויגנבליק, ווי נאָר זי רעדט אַרויס דאָס וואָרט: „מזל טוב!". עס בלייבט בלויז בום און די האַלב אויסגעבויטע באַן.

שוין ווידער די כּאַליאַסטרע!
און איך האָב דיר געזאָגט:
אַז דער־אָ הערשל שאָפער זאָל נישט קומען אויף
מיין שוועל.
און פאַר אַרומלויפן מיט רייזעלע יונגאַטש וועל איך
דיר אָפּשינדן די פעל.

## בום

שטייט און הערט זיך איין, רוקט אָן דעם דאַשעק אויף דער נאָז.

## רחל לאה

זעצט פאַר

און וואָס איז גראָד ביי מיר אין שטוב
געוואָרן אייער קלוב?
עס וועט דערזען דער באַלעבאָס,
אַז די באַנדיטן, אַז די־אָ שנאָלן,
וועט ער זיך דאָפּלט דירה־געלט הייסן באַצאָלן.
און רעד צו אים:
בום, און בום, און בום,
נישט שטיף אַרום, און שטילער זיי, און שאַ, און שטום.
און וואָס דאָס טוט אַ גאַנצן טאָג? אַ קינד איז דאָס?

אָן אומגליק מיט אַ פּלאָג.
און האָרעווע פאַר דעם,
אַז אָן אַ טאַטן — — —
און אומעטום פאַרקריכט עס, אין אַלע שפּאַלטן.
נישטאָ מיט וועמען זיך אַפילו אָן עצה האַלטן.
אַזאַ־אָ יונגאַטשיסקאָ האָט שוין געמעגט אַביסל צופאַרדינען,
כריען, דרייען,

זי ווערט אין כעס

כ׳וועל דיך פון שטוב אַרויסטרייבן,
ווי ס׳איז מיין נאָמען רחל לאה.

## בום

איך גיי אַליין אַוועק,
איך וועל אויסבויען אַ באַן!

## רחל לאה

מיט רציחה

אַ באַן?

זי כאַפּט זיך שלאָגן.

## בום

מיט צו להבעים

מיט אַ וואָקזאַל און מיט אַ בריק!

## רחל לאה

גיט זיך אַ וואַרף צו אים

## בום

יע

אַנטלויפט.

## רחל לאה

טרויעריק

ווו איז ער אַוועק דער קליינער סמיק?

אַוועק...

וועך ווייס אויף ווייפל טעג.

גייט ארויס אים זוכן,

בוים

קומט אריין צוריק

נישטאָ די מאַמע,

הינטערן פענסטער דערהערט מען די קינדער זינגען

קינדער

מיין באַן,

מיין באַנעלע,

בים, בים,

בום, בום,

די וועלט, די גאַנצע וועלט

פאַר ארום...

בום גייט אוועק צו די קינדער.

(פאָרהאַנג)

# בילד צוויי

עס רוקן זיך איינער נאָכן אנדערן ווארשטאטן. א סטאָלער-ווארשטאט, א שלאָסער-ווארשטאט, טאטש-קעס מיט זאמד-פירער, א שניידער-ווארשטאט. די בילדער גייען דורך שנעל, איינער נאָכן אנדערן.

1. א סטאָלער-ווארשטאט. אינמיטן שטייט דער מייסטער. קינדער ארום העלפן ביי דער ארבעט. אויפן ערשטן אָרט שטייט הערש׳ל שאָפער דאָס שאָפער-טרייב׳ל שטעקט ביי אים ארויס פון קעשענע.

## הערשעלע

זינגט, ארבעטנדיק מיט א זעגל

שנייד, זעג מיינע, טישער און טיש,
און זינג מיר דיין הילצערן ליד.
ס׳האָט מיין האָרן שוין לאנג נישט געשפילט.
דאָס ליד וואָס כ׳האָב ליב.

## מייסטער

טישער, טיש!

2. דער ווארשטאט רוקט זיך אוועק. ס׳רוקט זיך ארויף א שלאָסער-ווארשטאט. מענדל מעלער, אויסגעשמירט אין קרייד און מעל, ארבעט אויפן ערשטן אָרט. זינגט.

## מענדל מעלער

קלינג האמער און שנעלער און שנעל.
ביז וואנען די זון איז נאָך העל.
שלאָג האמער און שטארקער און שטארק

כ׳האָב לאַנג שוין מיין פויגל נישט געהערט,
מיין פויגל, וואָס זינגט אויפן באַרג.

פייפט אויס אַ פויגל-ניגון.

### מייסטער

שטאַרקער שטאַרק!

עס רוקט זיך אַוועק דער שלאָסער-וואַרשטאַט.

3. ס׳פאָרן דורך טאַטשקעס. קינדער פירן זאַמד. בערל פירט די ערשטע טאַטשקע. קינדער זינגען:

### קינדער

פאָרט רעדער אַליין באַרג אַראָפּ.
פאָרט רעדער אַליין באַרג אַרויף,

און מיר וועלן אונזערע פּלייצעס,
אַ שפּאַן טאָן אין גאָלדענע לייצעס.

און אין גאָלדענע לייצעס געשפּאַנט
אַ פּאָר טאָן צום טייך און צום זאַמד.

פאָרט, רעדער, אַליין באַרג אַרויף,
פאָרט, רעדער, אַליין באַרג אַראָפּ.

### אויפזעער

סטאָפּ!

4. אַ שניידער-וואַרשטאַט. צוויי מאַשינעס קלאַפּן. צווישן די נעזעלן זיצט אויך בום.

### שניידער

אַ צעטראָגענער מענטש, זוכט אַלע ווײַלע די נאָדל און די פאָדעם
די ווייבער, אָדער זייי זענען ,צו אַלדע גוטע יאָר, צו־גראָב,
אָדער זיי זענען, צו אַלדע ווייסטע רוחות, צו־דין.
נישטאָ עס זאָל זיין עפּעס אַ פּאַסיקער פּאַרשוין.

ווענדט זיך צו די געזעלן

איז מילא, זאָג איך אייך, אַז אויב די מאַדאַם איז ברייט,
מעג מען פאַר איר מאַכן אַביסל דאָס קלייד.

אָבער אויב די מאַראַם איז אײדל
מוז שוין אַ קנעפּעלע זינגען לכה דודי.

צו בומען

בום, נאַ דאָס בגדל, און זע דאָס נעמעלע זאָל שפּילן.

### בום

עס וועט שוין שפּילן, שפּילן.

### נחומקע

גיט אַ צי בומען פֿאַרן אַרבל

בום, דו נייסט פֿאַרקערט.

### בום

פֿאַרקערט, פֿאַרשמערט.

דרייט איבער דאָס געניי.

### נחומקע

איצט נייסטו נאָך מער פֿאַרקערט!

### בום

דרייט איבער דאָס בגדל

שוין גוט.

### רײזל

זיפֿצט

שוין איינמאָל גוט!

### שנײַדער

טוט אָן דאָס היטל און קלײַבט זיך אַוועקגײן

הערט, איר זאָלט דאָ קיין נאָדלען נישט ברעכן,
איר זאָלט דאָ קיין פֿאָדים נישט רייסן.

ווערט אין כּעס.

און דאָס מאַשינאָווע הזנדל זאָל נישט געדאַכט ווערן.

אין טיר שטעלט זיך דערהייל אַרײַן די גראָבע מאַראַם, וואָס פֿאַר איר מעג מען נייען אַביוהי.

**גראַבע מאַדאַם**

אַז איך האָב אייך שוין יאָ געטראָפן, מוזט איר מיר
צופּאַסן מיין זשאַקעט

**שניידער**

גיט אַ קוק צו בוזעם

ס׳איז שפּעט, מאַדאַם לעבן, ס׳איז שפּעט.

צו בוזעם

ניי גיכער, ליימענע הענט.

**גראַבע דאַמע**

איך מוז מיין זשאַקעטל האָבן מאָרגן אינדערפרי.

איר מוזט מיר צופּאַסן אָט איצט.

זי דערזעט דערוויל דעם זשאַקעט ביי בוזען אין האַנט

עד האַלט דאָך טאַקע אָטאָ מיין זשאַקעט.

אוווווי איז מיר, אַזאַ גענייי,

זעט נאָר די שטעך, אַ ווייי געשריי.

**שניידער**

ער, זיין נעדעלע איז דאָך אַ שפּיגל.

אַזאַ באַלדענע אַרבעט וועט איר ערגעץ נישט קריגן.

**רינגלעך**

זינגען

אוי אַ זשאַקעטל, אוי אַ זשאַקעטל!

פאַר מיין גראָבער מומע עטל,

אוי אַ זשאַקעטל, אַ זשאַקעטל,

דין און גרין ווי אַ קאַרשן־בלעטל.

**גראַבע דאַמע**

אַנטקעגן שפּיגל

און אָט דאָ זאָלט איר מאַכן אַ פאַלב.

אויף אַ פינגער מיט אַ האַלב.

פּוצט זיך אַקעגן שפּיגל

## דינע דאמע

צום שניידער

גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן!

## שניידער

באַגייסטערט

געטראָפן? איך וואַרט אויף אייך!
און אייער קלייד איז אַרויסגעקומען ווי אַ שפּיגל.
אַ בלום: כאַפּט נעם און טראָג אַרום איבער דער
שטאָט דאָס ווייזן.

## יינגלעך

גיבן אַ זעץ אַרויס מיט אַ ניגון

אוי אַ קלייד, אַ זיידענע, אַ גרינע,
פאַר דער שיינער כלה דינה,
און אוי די נאָדלען לויפן, לויפן,
און דער חתן וויל אַנטלויפן.

## דינע דאמע

לאַכט

אַזוי גאָר? דער חתן וויל אַנטלויפן?...

## שניידער

צו די יינגלעך

שאַ, שטילער, זאָל דאָרט שטילער זיין,
כּלי־זמרים גאָר איצטמיטן דרינען!
די יונגעלעך זענען מיר אַראָפּ פון זינען.

## דרייזל

צו בומען

בום, די נייסט פאַרקערט:
דריי איבער שנעלער.

### בּוּם

פֿאַרקערט? ווו?

### שנײַדער

דערזעט בּומס אַרבּעט

אוי ווײ, פֿאַרקערט דער פּאַסיק,

פֿאַרבּיסן

בּיסטו אַ בּעל מלאכה, בּיסטו אַ מזיק!
נחום, נעם דאָס דו אין האַנט אַרײַן
און גיב אַ נײ ווי ס׳דאַרף צו זײַן.

### דינע דאַמע

חנדלט זיך

אָט דאָ מאַכט מיר אַ פֿעלבּעלע, און דאָ קנעפּל.
און דאָ אַ קעשענקע, און דאָ אַ לעפּל.

### גראָבּע דאַמע

קעגן צווייטן שפּיגל

און מײַן זשאַקעטל מאַכט אַבּיסל שמעלער.

### שנײַדער

שמעלער איז שמעלער, ס׳זאָל נאָר נישט פּלאַצן,
אָט דאָ-אָ בּײַ די לאַצן.

### דינע דאַמע

איך בּעט אײַך אַ פֿעלבּעלע אַזוי די בּרייס, נישט גרעסער
און זאָל זיך פֿאַרמאַכן מיט צוויי שלעסער.

### שנײַדער

בּאַגײַסטערט

מיט צוויי שלעסער.

### גראָבּע דאַמע

אַ נעטעלע אָט דאָ וועט זײַן די ליניע בּלײַכער,
ווען נישט, וועט אויסזען ווי אַ זאַק.

### דינע דאַמע

מאַכט מיר גאָר, גאָר שמאָל בײַם אַרבל,
װעט זײַן אײַנגעפּאַסט װי בײַ גרעטאַ גאַרבאָ.

### גראָבע דאַמע

לאַכט

גרעטאַ גאַרבאָ...

### ריכגלעך

זעצן אַרױס מיט אַ לידל

אײ גרעטאַ גאַרבאָ מיט דער דינער טאַליע.
אײ גרעטאַ גאַרבאָ, די שײנע ליאַליע.
אַך, אַ דאַמע און אַך, אַ דאַמע,
צוקער זיס, װי אַ שטרױענע פּאַנע.

דער שנײַדער, די גראָבע און דינע דאַמע גײען אַװעק.

### ריכגלעך

שרײַען אױס פּאַראַמאָל

בום, גיב אַהער דאָס מאַשינקאָװע חזנדל.

— זאָל מען הערן אַביסל נגינה.

— זינג עפּעס פֿון פּאַריז.

— בײַ שױן, זינג עפּעס אַ ײדיש ליד.

בום נעמט אַראָפּ פֿון שאַנק אַ ראַדיאָ־קעסטל, שטעלט עס אָן, די ראַדיאָ שפּילט טאַנץ־מוזיק.

### נחומקע

בעסער זײַן אַ טענצער, אײדער אַ שנײַדער.

ער כאַפּט אַ טענצל.

### ריכגלעך

װײַז דעם טאַנץ, װי די מאַשינעס שטעפּן.

נחומקע גײט טאַנצן, בום דרײט אַזױ לאַנג די ראַדיאָ, ביז עס הערט אױף צו שפּילן.

### ווינגלעך

אויפגעבראַכט

שטענדיק מאַכט ער עפּעס קאַליע.

— ער מיינט עס איז אַן אַרבל.

— ער מיינט עס איז אַ נאָט.

— אוי אַ בעל מלאכה, ווי זאָגט דער בעל הבית, אַ מזיק

בום שטייט דערווייל און באַטראַכט די ראַריאָ.

### דרייזל

בום, אַז מען שפּילט אין פּאַריז, הערט מען טאַקע דאָ?

### בום

יאָ.

### ווינגל

אַזוי לאַנג לויפט דאָס געזאַנג, ביז עס קומט צו אונז אין קוימען אַריין.

### דרייזל

באַליידיקט

וואָס עפּעס דורכן קוימען? אפשר גאָר דורכן פענסטער? אפשר גאָר דורכן טיר?

### נחומקע

דורכן טיר וואָלט דער בעל הבית נישט אַריינגעלאָזן.

### דרייזל

בום, און פון נעכטן, וואָס מען האָט בעזונגען, קען מען היינט הערן?

### בום

פאַרטראַכט

פון נעכטן? פון נעכטן ווייס איך נישט...

בום גייט און זעצט זיך אויף זיין אָרט און הויבט אָן נייען.

### נחומקע

איצט איז נאָך מער פאַרקערט! צעטרען, דער בעל הבית
וועט דערזען וועט ער מאַכן דעם גרויסן ויצעקו.

### בוים

צאַקו, שמאַקו!

ער דרייט ווידער איבער דעם בגד.

עס קומט אַריין דער שניידער, גיט אַ קוק ווי יעדעס ייִנגל
טוט, בלייבט שטיין ביי בוימען.

### שניידער

אױ אַ בעל מלאכה, אױ אַ מזיק,
דער רעכטער אַרבל בייט אַזוי, דער לינקער אַט אַזוי!
צעטרען, דערנאָך פאַרניי.
דערנאָך קער איבער אויף דער לינקער זייט,

רעדט שנעל

דערנאָך פאַרצי אַ שטיקל זייד,
דערנאָך פאַרפּרעס,
דערנאָך דו, מזיק בעל מלאכה, נישט פאַרגעס
אַריינצוציען אַ שטיקל פאָדעם.

גיט אַ וואָרף אויף א'ם דאָס בגדל. אין מיר בלייבט שטיין רחל
לאה, מיט אַ טעפּל אין האַנט, קוקט אויף בוימען און שאָקלט
מיטן קאָפּ מיט באַדויער.

### בוים

שטאַרק צעטראָגן פון שניידערס געשריי, נייט מיט דער נאָדל אויף אַ
פּוסטן אָרט.

### שניידער

לאַכט

זעט, זעט, זעט דעם בעל מלאכה.

### בוים

דערזעט, אַז ער האָט גאָרנישט אין האַנט. ער ווערט צעדולט, נחומקע
דערלאַנגט שנעל בוימען דאָס זשאַקעטל.

### גראבע מאדאם

איך האָב אייך געוואָלט בעטן, אז די פּאַלב זאָל זיין
נישט אַט דאָ־אָ, נאָר אַט־אָ דאָ־אָ!

ווייזט אין סאַמע מיטן הינטן.

### דינע דאַמע

ווייזט אויפן זעלביקן אָרט.

(פאָרהאַנג)

**שניידער**

איך ווייס נישט, וואָס ער טראַכט, דער יונג,
איך ווייס נישט, וואָס ער קלערט דער תנא רבא,

צו בומען

ניין, קיין שניידער וועסטו שוין נישט זיין

ער נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים צו דער טיר.

**רייזל**

לויפט צו צום שניידער און כאַפּט אים ביי דער האַנט

ווּ פירט איר אים בעל הבית?

**שניידער**

דערזעט דעם ראַדיאָ שטיין, כוּפּט אים אָפּ.

אָ! דאָס מאַשינאָווע חזנדל דיינס!

הערט אויפגעבראַכט

נאַ, נעם דאָס מיט!

גיט אַ שאַר דעם ראַדיאָ

נאַ, נאַדיר דיין פּאַריז!
דיין קאָפּ און קראַגן!
דיין קאָנסטאַנטינאָפּל!
גיי צו אַלדי רוחות און פאַרדריי מיר דאָ קיין קאָפּ נישט!

רייזל שטייט די גאַנצע צייט און קוקט אָן דעם בעל הבית, גרייט אים דורס צו זיין.

**רחל לאה**

גיט אַ שטעל דאָס טעפּל מיט איטמעט

שאַ, שאַ, איז נישט קיין שניידער, איז נישט! וואָס איז אַזאַ ירידי!
איז נישט קיין שניידערשע פּאַסטריגע! שאַ!
איז אָן אַנדער לאַפּסעדריגע! ש־ש־ש־ש־אַ־אַ־אַ־א

רחל לאה, רייזל און בום גייען אַרויס. עס קומען אַריין די גראַבע און דערנאָך די דינע מאַראַטען.

# בילד דריי

דער אַרכיטעקט מאַקס גראַבער זיצט און באַטראַכט
אַ מאָדעל פון אַ הויז. עס איז טונקל אין צימער.

## מאַקס גראַבער

צו זיך אַליין

אַלע פענצטער צו דער זון!

עס צינדן זיך אָן די פענצטער פון זיין מאָדעל הויז

אַלע טירן ברייטע און אָן שלעסער,

עס צינדן זיך אָן ברייטע טירן

אַלע דעכער גערטנער!

עס צינדן זיך אָן גערטנער אויף די דעכער

און אַ טורעם! איבער דעכער וועלן שטיין די טורעמס,
הויך אין הימל זיך פאַרשניידן,
איבעררופן זיך מיט שטערן!

עס צינדט זיך אָן אַ הויכער טורעם

און די טורעמס זאָלן רעדן,
זאָלן אַ ווונק טאָן מיט אַן אויג אַ שטאָלענעם צו
דער לבנה,
און די לבנה זאָל אַן עפן טאָן אַ שייבל און אַ ווונק טאָן:
— אַ גוט מאָרגן, ווו פירן דיינע ווענן?

עס שווימט אַרויס אַ ריזיקע לבנה, עס גיט זיך דאָרט אַן עפן אַ שייבל, עס באַווייזט זיך אַ קאָפּ פון אַ לבנה-איינוווינער. דער אַרכיטעקט באַטראַכט זיין וויזיע. אינמיטן דער סצענע קומט אַריין בום. ער נעמט אַראָפּ דעם רוק-זאַק פון אַקסל, שטעלט זיך אַוועק אָן אַ זייט און באַטראַכט דעם אַרום. גראַבער באַמערקט אים נישט.

**גראבער**

האָט אפשר בײַ אײַך געגרענצט האַרציקע לבנה?

די לבנה פאַרלעשט זיך, בום גייט אַרויס אויפן מיטן צימער

נישט דרייסט

**בום**

ענטפערט אין פאַרלעגנהייט

ניין, עס האָט נישט געגרענצט, נאָר אַ פּײַנער װעטער.

**גראבער**

גיט זיך גיך ראַפּטאַם אַ דריי אױס צו בומען, דערזעט אים

הא? אַ פּײַנער װעטער? און װער ביסטו, פון װאַנען?

**בום**

אַנטלאָפן...

**גראבער**

אַנטלאָפן?... ביסטו מסתּמא אַ...

באַטראַכט אים און זעט, אַז ער איז נאָך גאָר אַ קינד

באַנדיט? פאַרברענט אַ שטאָט?

**בום**

נאַיוו

ניין. איך האָב געשטעלט פאַרקערט אַן אַרבל.

און פאַרקערט פאַרנייט אַ נאָט.

**גראבער**

אַ שנײַדער מיט דער נאָדל?...

װײַזט װי מען נייט מיט דער נאָדל

**בום**

װײַזט װי מען טרענט

**גראבער**

גוטמוטיק

האָסטו הייסט עס געטרענט?

בוים

בענייט און געטרענט...

גראבער

אזעלכע זענען דיינע הענט?

באטראכט אים די הענט

וואס זשע וועסטו דא טון?.. עס איז נישט קיין ארבל דא... אז דו וועסט קאליע מאכן מיר מיין מאדעל, איבערשטעלן א ווינקל, איבעררוקן א פונקט.

ווערט בייז

וועל איך דיך אראפוואַרפן פון אלע טרעפ...

בוים

רעדט ערנסט, ווי א דערוואקסענער

זענט איר דאך ערגער נאך פון בעל הבית, פון שניידער. ער האט געוואַרט ביז איך וועל מאכן שלעכט..

גראבער

שפאנט איבערן צימער און בלייבט פלוצלינג שטיין אנטקעגן בוימען

און דאס אלץ דאַרפסטו אויסלערנען, אויב דו ווילסט בלייבן מיט מיר.

ער עפנט אויף רעדנדיק א שאפע מיט ביכער

בוים

קוקט ערנסט אויף די ביכער

אויב מיין קאפ וועט נעמען...

גראבער

עפנט אויף א שאנק מיט מאנוסקריפטן

און דאס אלץ מוזסטו פארשטיין, אויב דו ווילסט בלייבן מיט מיר.

בוים

גוט.

# גראַבער

פֿייערלעך

און איצט, איצט טו אָן דעם כאַלאַט!

ער דערלאַנגט אים אַ כאַלאַט

און שטעל זיך אַרבעטן.

גראָבער פֿירט אים פֿאַר אַ האַנט אַרויף אויף די טרעפּלעך, און שטעלט אים אַוועק בײַם טעלעסקאָפּ. עס שווימט אַרויס אַ ריזיקע לבנה, אַ שויב עפֿנט זיך, עס באַווײַזט זיך אַן אײַנ-וווינערין פֿון דער לבנה, בים פֿאַלט אַראָפּ פֿון די טרעפּ פֿון איבעראַשונג.

(פֿאָרהאַנג)

# בילד פיר

חנה רויזע מיט יאנקל יוסען ראַמען-צו גראַבערס צימער און באַוואונדערן די מכשירים. חנה רויזע א פעסל, א קײלעכדיקע ײדענע, און אפילו דאָס טשי-פיקל אויפן קאָפּ זעט אויס ווי א דעקל פון א פעסל. יענקל-יוסע, פארקערט, א לאנגער, א דאַרער, אפילו דאָס היטל גייט ביי אים מיט א שפּיץ ארויף.

## חנה רויזע

האלט אין האנט א ווינקל-מעסטער

גאָרנישט צו באַגרייפן.
נאָר זיי קלאַפּן און זיי פייפן,
שטנדיק.
צי מיטן האַמער,
צי מיט דער צוואַנג,
און וואָלט כאָטש זיין אין דעם עפּעס א גאַנג . .

## יאנקל יוסע

העלפט אונטער

כ'אלט מען זען אן ארבעט.
א שטוב געמאַכט, אָדער א טיש, אָדער א באַנק,
זעט מען גאָרנישט, נאָר קלינג און קלאַנג.

ער נעמט אין האנט א מאָדעל-טורעמל

און הייזעלעך אזוויווי פאַר די פּופּעס,
פייגל וויסט זיי ווי מען רופט עס.

### חנה דוויזע

און גיב אַ קוק און זע נאָר,
העמדלעך און העלצעלעך, ווי שפּענער.
און דראָטן און העקעלעך און עפּעס אַ מין מאָדנער שלאָס,
סיידן כּשוף מאַכער,
נאַמנות אַ פּאַרדראָס.

### יאַנקל יוסע

מעשה מאַנצביל

רעד קיין נאַרישקייטן נישט,
נישטאָ שוין מער קיין כּשוף מאַכער,
ווו נישט ווו געפינט זיך נאָך אַ זנאַכער,
אָבער נישט אַזוינע זענען אונזערע פאַרשווינען.
איר די דראָטן, זאָגסטו, איר די מאָסן?
עֶגֹ קען גאָר זיין, עס איז אַזאַ פּרנסה.

אין צימער שלעפּט זיך אַריין הערשל בער אין אַ וואַטענעם מאַנטל, אַ וואַטענע היטל חי סאַמע אין ווינטער. אַביסל איז ער טויבלעך און רעדט דעריבער זייער הויך

### הערשל בער

דערהערט אַ קלוגן שמועס, בין איך געקומען.

### יאַנקל יוסע

רב הערשל בער, צו וואָס דער פּעלץ, עס איז דאָך זומער?

### הערשל בער

זומער, זאָגט איר, זומער?
וואָס זענען איצטער פאַר אַ זומערס?
קאַלט און ווינטיק, מען ווערט דערפראָרן...
נישטאָ שוין מער די זומערס די אַמאָליקע, פון יענע יאָרן.

### חנה דוויזע

געפינט עפּעס אַ מאָס

א מאָס? א ווינטמיל...
וואָס מאָלן זיי דאָרט, וואָס?

## הערשל בער

זיי? מיט זיי, וואָס איז דאָ צו רעדן?
מאָדנע מענטשן, פונקט ווי שדים.

## חנה דרייזע

אָבער וואָס איז זייער טועכץ פּאָרט?
נישט קיין שניידער, נישט קיין שוסטער, נישט קיין מענטש סתם,
נאָר מען קלינגט, מען קלאַפּט, מען מאַכט א טאַראַראַם.

## יאנקל יוסע

און דער קליינער, אָט דער בום,
דרייט זיך אויך ארום,
פּונקט ווי ער, ווי גראָבער.
ווער איז ער? פון וואַנען?
אָט פּונקט ווי פון איין טאַטן און פון איין מאַמען.

## חנה דרייזע

גוטמוטיק

א מאָדנער יונג!
אַלץ ווערט ביי אים פאַרברענט,
אָט איז ער שטיל, און פּלוצלינג קריכט ער גאָר
אויף בלאַטע ווענט.

*אין פענצטער שטעלט זיך אריין א קאָפּ פון א שכנה, מיט קאַרבירטע האָר, זי פּיטשטשעט ווי א פויגל.*

## שכנה

טאָ וואָס איז שוין די פּעולה,
אַז עס טויג נישט די גאַנצע שולע
דאָס גאַנצע קלינגעריי.

**הערשל בער**

עט, עס איז קיין אויך שפּיר.

**חנה דריזע**

זיי זענען מאָדנע בריות,
איך קען אָן אַנדערש מאָל אַפילו נישט פאַרטראָגן,
מעגסט בײַ זיי דאָס קישן צונעמען וועלן זיי
א וואָרט נישט זאָגן

**שכנה**

אוודאי עס קומט זיי אָן גרינג,
די גאַנצע אַרבעט זייערע, נאָר קלאַנג און קלינג.

אין פענסטער באַווײַזט זיך א קאָפּ פון נאָך א יידענע, וואָס רעדט מיט א באַזונדערע שטים.

**יידענע**

שוין איינמאָל פאַרשווּנען דאָ בײַ אייך,
שבת און וואָך,
אַלץ אין איין לאָך.

**שכנה**

איך זאָג אייך, מיט אַזעלכע מענטשן א סכּנה,
איך האָב איינמאָל אַליין געהערט,
גראָבער האָט גערעדט מיט דער לבנה.
— „האָט אפשר בײַ אייך געדרעגנט, האַרציקע לבנה?"

אַלע שיסן אויס מיט א הילדן געלעכטער, וואָס בלײַבט הענגען אין צימער א לאַנגע ווײַלע.

מען קלינגט, די שכנים פאַרשווינדן, עס קומט אַרײַן בום, אויסגעוואַקסן, כאָטש ער זעט נאָך אויס ווי א יינגל. ער טוט אָן זײַן אַרבעטס-כאַלאַט און גייט צו צום שאַנק מיט גראָבערס מאַנוסקריפּטן. ער נעמט אַרויס א העפט און לייענט עס שטיל, אויפמערקזאַם.

**בוּם**

ווי דריטלעך אַלץ איז דאָ בעזאָגט.
וויפל איינפאַל און פאַרשטאַנד.
און אויפעסן וועט אַלץ אָט־דער־אָ שאַנק?
דאָס אַלץ — דער סוף פון חלומען אין נעכט?
דאָס אַלץ — דער סוף פון גרין אַרויף, אַרויף?

*ער לייגט אוועק דאָס העפט און שטעלט זיך ארבעטן. עס קומט אריין גראַבער*

**גראַבער**

בראַוואָ בוּם! איך זע, דו האָסט אַ נייעם פּלאַן.
עס איז אפשר דער בעלונגענסטער

*ער דערזעט זיין מאַנוסקריפּט אויפן טיש*

אָ, מיין העפט...

*ער נעמט דאָס העפט אין האַנט מיט איפערזיכטיקייט.*

צו וואָס האָסטו אַרויסגעשלעפּט מיין העפט? שוין אַ יאָר זיבן, ווי איך האָב נישט גערירט דעם מאַנוסקריפּט..

**בוּם**

איר האָט מיר דערלויבט צו לערנען אַלע מאַנוסקריפּטן.

**גראַבער**

*בלייבט שטיין דעם מאַנוסקריפּט צוגעדריקט צו זיך, און גיט אים דער־נאָך בוּמען*

נאַ...

*גראַבער גייט אַרויס, עס בלייבט בוּם, ער ארבעט ביים אַפּאַ־ראַט. ער רעדט אַליין צו זיך*

**בוּם**

דער גזלן האָט געמיינט: געכאַפּט אַ מענטש אין וואַלד אין קעלער, אין תפיסה, וועלן זענען וועלף. די ביימער זענען טויב, ציגל זענען טויב, ווענט זענען טויב.

*ער פאַרשטעלט דאָס פנים מיט די הענט*

וואַכן אויערן ביי דער וועלט. יעדעס בלעטל אַן אויער.

יעדער ווינט אַן ערות, יעדער ציגל האָט געהער. אַלץ באַהאַלטן, אַ סך עוולות, אַ סך געשרייען, אַ סך טרערן. איצט וועלן מיר עפענען דער וועלט דאָס מויל. דערציילן, דערציילן פון דער פינצטערניש, דערציילן פון דער פאַרבאָרגעניש, מיר וועלן דורכזיפן די ווינטן און צונעמען ביי זיי די ווערטער פון די מענטשן. ווען אַ האַרץ האָט געציטערט, און אַ וואַנט האָט אויפגעפרעסן דאָס געשריי

דער אַפּאַראַט צינדט זיך אָן. מען הערט אַ שטים.

## אַפּאַראַט

**רוים יאָר 1540, רוים יאָר 1540.**

## בום

צום אַפּאַראַט, אין עקסטאַז

איך הער אייך, איך הער אייך פאַרשווּנדענע קולות, איך הער אייך...

ער זעצט זיך אַראָפּ אין בענקל:

פ אָ ר ה אַ נ ג

# בילד פינף

**אײדער עס הױבט זיך אױף דער פֿאָרהאַנג, לױפֿט דורך א צײטונגס־ײנגל. אױף ד' צײטונגען בומס פּאָרטרעט.**

## צײטונגס־ײנגל 1

**א גרױסע דערפֿינדונג. בנימין שנײדער האָט דערפֿונדן א לעבעדיקן טורעם.**

## צײטונגס־ײנגל 2

**א טורעם, װאָס רעדט מיט פֿאַרגאַנגענע דורות. דערפֿונדן בנימין שנײדער.**

## צײטונגס־ײנגל 3

**בום אַלײן דערצײלט װעגן זײן טורעם! לײענט הײנט אין אונזער צײטונג!**

װען עס הײבט זיך אױף דער פֿאָרהאַנג, זעט מען דעם שנײדער־װאַרשטאַט. אַלע האַלטן צײטונגען מיט בומס בילדער. עס איז טומלדיק און פֿרײלעך.

## נחומקע

**רײזל, זע נאָר, זע, בומס פּאָרטרעט!**

## רײזל

**װײז, נחומקע, װײז.**

## ײנגלעך

**טאַקע בום, אָבער דער זעלביקער בום!**

### ווינגלעך

גענוואָרן א גאַנצער לייט.

### ווינגלעך

אַ־יאַ־טעבע דאָס געוואָרן.

### דער צעטראָגענער שניידער

עפּעס אַ מאַשינאָווע חזנדל. האַ? אוי, אוי, אוי, אוי, מען מאַכט עס אַ ווענן דערפון.

רייזל קוקט אויפן שניידער מיט אַ נצחון־שמייכל

### רייזל

אַ חזנדל, נישט אַ חזנדל, איך וועל פאָרן אַ קוק טון אויף בוימען.

זי באַטראַכט זיינע פאָטאָגראַפיעס

דער זעלביקער בוים.

### נחומקע

וואָס הייסט. דו ווילסט, אַז אַ נאָז זאָל ביי אים צוּוואַקסן פאַר פרייד?

### רייזל

אָבער פונדעסטוועגן איך מיין...

### נחומקע

וואָס מיינסטו. וואָס? באַרנישט מיינסטו נישט, אָט וואָס.

### ווינגלעך

קוקן אויף די פאָטאָגראַפיעס

זעט אויס אַ גאַנצער פּילאָזאָף.

### ווינגלעך

אַ גענעראַל!

### רייזל

וואָס איז דאָ צו לאכן? טאַקע א פילאָזאָף און טאַקע א בענעראַל.

### ריגנלעך

ער האָט שוין בעוויס אין אונז אַלעמען פאַרגעסן.

### נחומקע

עפּעס א בריוומרעגער בייט אַהער!

*דער אַלטער שניידער און די געזעלן שטעלן זיך אויף און וואַרטן נייגעריק.*

### ריגנלעך

טאַקע א בריוומרעגער! ער טראָגט א גרויסן קאָנווערט.

### שניידער

א בריוומרעגער? איך האָב שוין לאַנג פון קיינעם קיין בריוו נישט געהאַט

### בריוומרעגער

*קומט אריין*

איך ווייס נישט, צי מיינט מען אייך, צי עמעצן אַנדערש?
איך האָב נאָך אַזאַן אדרעס קיינמאָל נישט געזען.

*ער לייענט הויך דעם אדרעס*

צו מיינע טייערע חברים פון שניידער וואַרשטאַט, אין דער שטיינערנער שטאָט, אויף דער טונקעלער גאַס.

### נחומקע

און פון וועמען איז דער בריוו?

*נחומקע נעמט דעם בריוו, אַלע רינגלען אים אַרום.*

### בריוומרעגער

הייסט עס, אַהער איז טאַקע דער בריוו, צו אייך?

## אַלע

אַהער, אַהער, צו אונז, טאַקע צו אונז.

בריוטרעגער גייט אַוועק.

נחומקע לייענט הויך און מיט האַרץ.

## נחומקע

טייערע חברים פון שניידער וואַרשטאַט! רייזל,

רייזל קוקט אַריין אין בריוו: „טאַקע רייזל שטייט אָנגעשריבן"

## נחומקע,

נחומקע קלאַפּט זיך אַליין אין האַרצן: „דאָס מיינט מען מיך"

## שימעלע,

שימעלע שרייט אויס: „איך בין דאָ"

## בענע קוקורוזע,

בענע שרייט אויס פריילעך: „קוקורוזע איז קוקורוזע"

חיימקע שוואַרצער און אַלע נייע, וואָס איך קען שוין נישט! איך ווייס, אַז איר פרייט זיך מיט מיין טורעם, וואָס איך האָב אויסגעבויט! איך פריי זיך אַליין אויך. דער טורעם וועט דערציילן פאַר דער וועלט פון אַלע עוולות, וואָס מענטשן האָבן געטון איינע די אַנדערע, פאַר־הונדערט־יאָרן, פאַר־טויזנט־יאָרן און פאַר אַלע יאָרן. און דער וועג פון מענטשן וועט ליכטיק ווערן און מיר וועלן בויען אַ וועלט מיט אַלע פענצטער צו דער זון.

## רייזל

אַהאַ, אַבי זיי לאַכן, גענעראַל שמענעראַל!

## נחומקע

און איך פאָר צו בומען זען דעם טורעם, הערן וואָס ער דערציילט.

## רייזל

איך פאָר אויך.

שניידער

גיט א פּאַך מיט די הענט, ווי מיט פליגל.

ווער פאָרט? שאַ! ווער פאָרט, פרעג איך? עפּעס אַ נייַ מאַשינאָווע חזנדל דאַכט, און זייַ פאָרן שוין! קיינער פאָרט נישט! מען נייט, מען נייט, מען נייט!

אַלע נייען.

יינגלעך גיבן פּלוצים אַ זעץ אַרויס מיט אַ ניגון:

יינגלעך

איי, קלינגט שערן, ווי די גלאָקן,
טופּאַ, צימבאַ, טראַלאַלאַ.
פאָדעם רייסן, נישט געשראָקן,
טופּאַ, צימבאַ, טראַלאַלאַ!
וואָס מיר, ווען מיר, זייַדענע זשאַקעטן,
טופּאַ, צימבאַ, טראַלאַלאַ,
מען האָט אונדז היינט צו גאַסט פאַרבעטן,
טופּאַ, צימבאַ, טראַלאַלאַ.

מאָס געמאָסטן, שער געשאָרן, נעדעלע געניייט!
טופּאַ, צימבאַ, טראַלאַלאַ.
לאָמיר אויסזינגען דאָס לידל מיט אַ פרייד.
טופּאַ, צימבאַ, טראַלאַלאַ.

די יינגלעך זינגען מיט בדען, קלאַפּן צו טיט די שערן, מיט די פּרעסאייזנס, אַן אמתער אָרקעסטער.

פאָרהאַנג

# בילד זעקס

גראָבערס און בומס צימער אויפגערוימט. אויף די ווענט צייכענונגען פון טורעם. אינמיטן צימער דער טורעם-מאָדעל. פון ביידע זייטן צוגערייט בענקלעך. רייזל זיצט ביי א טישל און שרייבט. אין פענצטער שטעלט זיך אריין חנה רויזעס קאָפּ.

## חנה רויזע

איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווער איז דאָ דער בלאָנער? גראָבער, צי בום? נישט איך ווייס, וואָס זיי טוען, נישט איך ווייס, ווער איז דער בלאָנער.

## רייזל

שפּאַסיק

ביידע זענען בלאָנע.

## חנה רויזע

יאַנקל יוסע מיינער זאָגט, אז אין בלאַט איז דער עיקר וועגן בומען, אז ער איז דער בלאָנער.

יאַנקל יוסע קומט צו צום פענצטער מיט א צייטונג אין האַנט און ווייזט מיט דער האַנט אויף בומס פּאָרטרעט.

אָט־אָ, בנימין שניידער, דער גרויסער דערפינדער איבערן גאַנצן בלאַט. און מיר ווייסן דעם אמת, גראָבער איז גע־ווען דער ערשטער. אַז בום איז געקומען, איז ער נאָך געווען א צוציקל!

## יאנקל יוסע

אָט דאָס איז טאַקע אַ קשיא. אפשר מאַכן זיי גאָר אַ טעות אין בלאַט?

## אַ שכן אין פענצטער

ניין, זאָגט עס נישט! אין בלאַט ווייסט מען אַלץ. אָט שטייט אין בלאַט, אַז עס וועלן דאָ היינט זיין געסט.

## רייזל

יאָ, עס וועלן זיין געסט.

## יאנקל יוסע

נישט שטאַלץ

אַלץ הייסט געסט! פּראָפעסאָרן! אַ מיניסטער וועט זיין, פאַרגעסן זיין נאָמען...

נעמט זוכן אין צייטונג זיין נאָמען.

עס קומען אַריין בום און גראָבער. יאַנקל יוסע, די שכנים, חנה רייזע גייען אַוועק. בום און גראָבער אַרבעטן ביים אַפּאַראַט אָנגעשטרענגט. עס קומען זיך צונויפן די געסט: הערמאַן מאָר-גענטוי, אַ פלינקער און שמייכלדיקער, אַ צייטונגס-מענטש. מיט אים אַ פרוי, אַ קיילעכדיקע דאַמע, זעט אויס ווי אַ [illegible], מיט אַ גרינעם פעדער אין הוט.

אינדיטשקע

דער מיניסטער, אַ מענטש אין גאָלדענע ברילן. מיט אים צוויי רייכע דאַמען. דער זייד פון זייערע קליידער שורשעט, ווי פליגן זאָלן זשומען.

מענטשן אין צילינדערס. מיט פּאַרטפעלן. מענער און פרויען, אַ גערויש. באַקוקן דעם טורעם, פאָטאָגראַפירן אים.

## אַ דאַמע

איך בין שוין זייער נייגעריק צו הערן דעם טורעם! גע-פאָרן אַ גאַנצע נאַכט.

**הער אין צילינדער**

און איך האָב דורכגעלאָזן אַ קאָנצערט. איך טו דאָס קיינמאָל נישט, נאָר היינט צוליבן טורעם.

**אַ דאַמע**

מען מוז אַמאָל מאַכן אַן אויסנאַם!

**הער אין צילינדער**

זיכער.

**גראַבער**

גייט צו צום אַפּאַראַט און מאַכט אַ סימן, אַז ער ווילט רעדן.

חשובֿע געסט! די דערפינדונג געהערט צו אונזער יונגן געלערנטן בנימין שניידער. דער טורעם שטייט דאָ פאַר אייך. דער טורעם איז ערלעכער, ווי דער ערלעכסטער מענטש, און קליגער, ווי דער קליגסטער, ווייל דער טורעם הערט דאָס פאַרבאָרגענע און דאָס געהיימע פון דער פאַרגאַנגענהייט. מיר וואַרטן, אַז איר זאָלט אויפֿבויען דעם טורעם און ליכטיק מאַכן די וועגן פון לעבן.

אַלע פּאַטשן בראַוואָ.

דער טורעם צינדט זיך אָן.

**ר ו י ם י אָ ר 1540**

אין טורעם הילכט אַ געלעכטער. פאַרשידענע שטימען מישן זיך צונויף. עס גיט אַ קלאַפּ אַן אייזערנער שטעקן אָן דיל. עס ווערט שטיל.

**שטים 1**

איז וואָס האָט געזאָגט דער אַפּיקורס קאָפּערניק? און וואָס שטייט אין זיין שריפט? זאָג מירן זון.

צווישן די געסט אַ גרויסע איבעראַשונג.

**אַ פּרווי אין זיידנס**

אַך, וואָס פאַראַ וווּנדער דער טורעם איז!

די פּראָפעסאָרן רייבן זיך די ברילן.

## א גאַסט אין א צילינדער

מיינע דאַמען און הערן, עס איז ווירקלעך א סענסאַציע דער טורעם!

## שטים אין טורעם

**א הויכע, כמעט א פרויען-שטים**

היילִיקער פאַטער! קאָפּערניק וויל זיין שטאַרקער פון גאָט. גאָט האָט פאַרפעסטיקט די ערד און פירט די זון איבערן הימל, וויל קאָפּערניק גאָטס סדר ענדערן.

## שטים 1

וואָס זאָגט ער דען דער אפיקורס קאָפּערניק?

## שטים 2

**אין שרעק**

שטראָף מיך נישט, גאָט! ער האָט געזאָגט, דער אפיקורס קאָפּערניק, אַז די זון שטייט.

## שטימען אין אפּאַראַט

**א פאַרפירעניש!**

דער טייוול רעדט דורך אים!

## שטים 1

און וואָס נאָך זאָגט ער, דער אומגליקלעכער קאָפּערניק?

## שטים 3

ער זאָגט: דער אמת איז וויכטיקער, ווי גאָטס וואָרט. זאָלן זיך צעלויפן ווי מייז, די וואָס האָבן מורא פאַר ליכטיקייט, און זאָלן זיי זיך באַהאַלטן אונטער גאָטס וואָרט... עס ווילן זיך צעלויפן די פּחדנים. די צבועקעס ווילן אָפּקערן דאָס פּנים. אָבער פאַר דעם, וואָס דער אמת איז אויפגעגאַנגען, איז אים סיידוי ליכטיק און אויב מען וועט אים מיט שטיינער פאַרוואַרפן, וועט ער סיידוי קומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אַזוי זאָג איך, קאָ־פּערניק, אמן.

## שטים 1

בענוּג!

### שטימען

פאַרפלוּכט זאָל ער זיין, פאַרפלוּכט, דער אפיקורס קאָ־פּערניק!

אין טורעם הויבן אָן קלינגען גלאָקן.

### א גאַסט מיט א טעקע

צו וואָס אויפדעקן דעם שטויב פון דורות? צו וואָס? גאָט האָט אונז געשענקט די פאַרגעסנקייט, לאָמיר אים דאַנקען דערפאַר.

### א גאַסט אין ברילן

עס איז א פּראָבלעם דער טורעם. ווע‏ט א סך זאַכן אויפ־רודערן.

די געסט צעגייען זיך ביסלעכווייז. די שטולן בלייבן ליידיק.

### דער לעצטער גאַסט

א דאַנק. וועגן מיין איינדרוק וועל איך אייך לאָזן וויסן שריפטלעך.

דער לעצטער שטול בלייבט ליידיק. אין צימער גראַבער, בום, רייזל. די קעפּ פון די שכנים דורכן פענצטער.

### גראַבער

איראָניש

זיי דאַרפן זיך נאָך מיישב זיין, צי די זון שטייט, אָדער זי דרייט זיך, זיי וועלן אונז לאָזן וויסן שריפטלעך.

### בום

מיר דאַכט זיך, אַז א פאַרפלייצעניש איז דורכגעלאָפן.

ער גייט צו צום טורעם און בלייבט שטיין פאַרשוויגן.

פ אָ ר ה אַ נ ג

# בילד זיבן

גראָבערס און בומס צימער. חנה רויזע און יאַנקל יוסע ראַטען אים צו.

### חנה רויזע

אסור אויב איך ווייס, וואָס זעגען זיי אזוי צעטראָגן.

### יאַנקל יוסע

מאַכט מיט די הענט א באַוועגונג, וואָס באַדייט: „ווער ווייס".

### חנה רויזע

און אַלץ צוליב דעם טורעם. מאָדנע מענטשן און מאָדנע זאָרגן.

עס קומען אַריין גראָבער און בום, רעדנדיק צווישן זיך.

### גראָבער

און קיין ברירה איז אַלץ נישטאָ. וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן, ביז עס וועט עמעצער דעם טורעם דאַרפן.

### בום

באַטראַכט דעם טורעם באַגייסטערט

אָבער דער טורעם איז דאָ. אָט שטייט ער, אָט וועט ער אָנהייבן דערציילן מעשות און געשיכטעס און אָפּטון שקאָצעריייען דער געשיכטע. מיין קלוגער, מיין לעבעדי־קער טורעם.

לויפט אַרויף אויף די טרעפּלעך צום אַפּאַראַט, לאַכט אין עקסטאַז.

### גראַבער

האַלט אים אָפּ

אָבער בום, בום, אַז קיינער וויל אים נישט, אַז קיינער דאַרף אים נישט.

### בום

מונטער

וועלן מיר אַליין אין וועג זיך לאָזן גיין, אין וועג אריין, אין וועג.

צו אַלע ווינטע שלעק.

### גראַבער

וווהין אין וועג? מיר לאָזן זיך אין שטורעם...

### בום

און אפשר וועלן מיר א לאַנד געפינען, וואָס וועט אויפ־בויען דעם טורעם.

ער הויבט אָן פאַנאַנדערנעמען דעם אַפּאַראַט, פּאַקט אים צו־זאַמען. גראַבער שטייט אַפּאַטיק. אין פענצטער הערט מען, ווי די שכנים מיט די שכנות רעדן צווישן זיך.

### שכנה מיטן קוויטשיקן קולכל

זיי פאָרן שוין אַוועק? וווהין?

### יידענע מיט באַסאָווע שטים

וווהין? אַ דאגה בייי אַזעלכע פויגל ווו צו פליען?

### שכנה מיטן קוויטשיקן קולכל

פאַרוואָס זשע שרייבן די בלעטער וועגן זיי,
אַז זיי זענען אַזעלכענע חכמים?
פאַרוואָס זשע איז נישטאָ אויף זייער סחורה
קיין בעלנים?

## חנה רוויזע

פאַרזאָרגט

מיינע שונאים זאָלן אזוי וויסן פון זייערע יאָר,
ווי איך ווייס, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

## שכן 1

רעדט צו גראָבערן און בומען, וואָס פאַקן דערווייל די מכשירים

פאָרט איר באָר אוועק... אַ שאָד, אַ שאָד,
באָר אַנדערש האָט זיך מיר געניים דער נאָט,
אַז איר האָט דאָ געטומלט מיטן טורעם, מיט די גלאָקן
נאָר נאַראָנים האָבן זיך פאַר אייך געשראָקן...
נישט איך, נישט מיין נאָדל, נישט מיין פרעס
און נישט מיין שער

## שכן 2

און צוריק וועט איר נישט קומען?

## דרייזל

ווער ווייסט, מיר לאָזן זיך אויף גאָרער וועלט...

## שכן

די וועלט...

שאָקלט מיטן קאָפּ

די וועלט איז איצטער שמאָל.
פאָרט איר אין דער וועלט אריין,
איך ווינטש אייך גוטס, איך וואָלט אוודאי וועלן...
נאָר איך זאָג. איך מיין: מען וועט דעם וועג פאַר אייך
פאַרשטעלן.

עס שווימט ארויס אַ ריזיקע לבנה און די לבנה-איינוווינער טאַבן
מיט אַ טיכעלע.

פ אָ ר ה אַ נ ג

# בילד אכט

גראָבערס צימער שטאַרק געענדערט. בלויז איניקע צייכענונגען הענגען נאָך אויף די ווענט. חנה רויזע שיילט קאַרטאָפל, און יאַנקל יוסע קוקט אַריין אין אַ בלאַט.

## חנה רויזע

ווי מיינסטו, יאַנקל יוסע, ווי זענען איצטער אונזערע פאַר־
שוינען? ווי פאָרן זיי אַרום? רייזל, גראָבער, בום?
אַט דער בום אַ מאָדנער יונג, די בלעטער שרייבן,
מאַכן פון אים אַ טאַראַראַם,
און ער? ער איז אַ קבצן, אַן אָרעמאַן...

## יאַנקל יוסע

אוודאי, איז טאַקע שלעכט.
אוועקגעשלעפט זיך... נישט קיין היינט, און ווער ווייסט
וואָס איז מאָרגן,
אַז עס ווילט זיך זיי די גאַנצע וועלט פאַרזאָרגן,
וואָס עס איז געווען מיט יאָרן און פאַרצייטן.
ווען מען נס עסק? אַבי אַ שטיקל ברויט,
אַבי אַ העמד צו בייטן.

## חנה רויזע

די זעסט דאָך, יעדער פויגל צו זיין מין,
און יעדער מענטש אַן אַנדער זין.

מען קלינגט. עס קומט אריין א בריוטרעגער מיט א בריוו.

## בריווטרעגער

גראָבער ארכיטעקט.

## חנה רויזע

אויף וועמען האָט איר געפרעגט?

## בריווטרעגער

בנימין שניידער און גראָבער ארכיטעקט.
א בריוו׳ פאר זיי פאראן.

## חנה רויזע

א בריוו? פון וואנען?

## בריווטרעגער

פון א ווייטן, זייער ווייטן לאנד.

גיט אָפּ דעם בריוו און גייט אוועק.

## חנה רויזע

באטראכט דעם קאָנווערט

א פויגל אויסגעמאָלן און א מענטש, וואָס פליט.
אזעלכע מענטשן און אזעלכע בריוו.

קוועטשט מיט די פלייצעס.

עס קומען אריין הערשל בער און שטעלן זיך אויך באטראכטן דעם קאָנווערט

## יאנקל יוסע

ר׳ הערשל בער, האָט איר אמאָל געזען, געהערט,
אזא־אָ בריוו, אזא קאָנווערט?

## הערשל בער

געזען, געהערט...
איך האב אן אייניקל פון יענער חברה, איז ער אוועקגעפאָרן

ווייזט אויפן קאָנווערט

אָט מאקע אין דעם־אָ לאנד און איז געוואָרן דאָרט א פויגל...

### יאַנקל יוסע

א וואָס?

### הערשל בער

א פויגל. א פליער אין די הימלען... אָט־אָ

*ער שלעפּט אַרויס פון קעשענע בריוו מיט אַן עראָפּלאַן, או זיין אייניקלס פאָטאָגראַפיע, אַ פּילאָט.*

נישטאָ אַמאָליקע יאָרן...

אַמאָל אַ מענטש האָט ער געהאַנדלט מיט ברויט מיט קאָרן,

און אַ פויגל איז געווען אַ פויגל. געוויינלעך סע פליט,

און איצט — אַלץ איז אויסגעמישט געוואָרן.

אַ וועלטעלע, אַז גאָט באַהיט.

*יאַנקל יוסע באַטראַכט דערווייל דעם בריוו, דורכן קאָנווערט לויכטן זיך דורך געצייכנטע פיגורן.*

### יאַנקל יוסע

זעט נאָר, צו שטוינען, זאָג איך אייך, צו שטוינען!

די זעלבע צאַצקעלעך און פאַסקעלעך, ווי ביי אונזערע פאַרשוינען

אַ לעקאַך און אַ דריידל, און אַ קאָטער און אַ פּיפּערנאָטער

ווער קען דאָס ליינען, ווער קען באַנעמען?

איך קען נישט און קיינער וועט נישט קענען.

### הערשל בער

גיט אַהער פאַמעלעך, אינדערשטילן,

וועל איך עס איבערקריכן מיט מיינע נייעברילן.

*אַלע קוקן אַריין אין בריוו.*

פ אָ ר ה אַ נ ג

## בילד ניין

**אין א ציטער, ערגעץ אונטערהענגס, זיצן גראָבער, בום און רייזל. מערב אייראָפּע. לאַנד אומבאַשטימט.**

### גראָבער

איר הערט, האָט ער מיך אַ כאַפּ געטון, דער פּאַרשוין, פאַר דער האַנט און האָט שוין מער נישט געוואָלט מיך אָפּלאָזן. ער האָט, זאָגט ער, אַ גרויסן גביר. ראָטשילדראָ־וויטש הייסט ער. אַזאַ גביר האָט פאַרמאָגט מיליע מי־ליאָנען מיליאַסן. און יענער גביר וויל קויפן און אויס־בויען דעם טורעם.

### בום

אַזוי זאָגט ער? און ווי הייסט ער, דער פּאַרשוין?

### גראָבער

ווי זאָל ער הייסן? מנחם מענדל.

**אין דעם גיט זיך אַ פּראַל אויף די טיר, און עס פליט אַריין אַ פּאַרשוין אַ שפּיציקער, אַ דאַרער, אַ פליענדיקע קאַפּאָטע.**

### מנחם מענדל

מנחם מענדל, און טאַקע מנחם, און מיר מוזן שוין גיין. אָבער טאַקע די רגע, די מינוט, ווייל דער גביר וואַרט אויף אונז. און איר ווייסט, וואָס הייסט דער גביר וואַרט? אַלע זיינע גרויסע געשעפטן פון מיליע מיליאָנען מיליאַסן וואַרטי הייסט עס.

**גראבער**

מיר זעגען גרייט.

**מנחם מענדל**

רעדט ווייטער

זאָג איך אייך, אַט קומט שוין און לאָמיר גיין. נאָר איר הערט נאָר, דאַרט קיין סך נישט רעדן. מחמת אַ גביר, וואָס האָט זיינע מיליע מיליאָנען מיליאָסן, — איז מיט אַזעלכע מענטשן נאָר נישט קיין סך גערעדט. נאָר גע־שוויגן. ער רויכערט אַ ציגאַר און איר רויכערט אַ צי־גאַר,

מענדל באַווייזט, ווי ער רויכערט אַ ציגאַר

ער שווייגט און איר שווייגט, ער טראַכט און איר טראַכט, ער זאָגט דריי ווערטער און איר זאָגט איין וואָרט. ער האָט קיין צייט נישט און איר האָט קיין צייט נישט. ער האָט זיינע מיליע מיליאָנען מיליאָסן, און איר...

מנחם מנדל פאַרהאַקט זיך און טראַכט אַ ווײַלע װאָס צו זאָגן ווייטער, רייזל העלפט אים אַרויס שפּאַסיק

**רייזל**

און איר האָט אייערע מיליע מיליאָנען מיליאָסן.

**מנחם מענדל**

גיט אַ שאַרפן קוק אויף רייזלען

זאָג איך, אַט לאָמיר שוין נעמען און שוין גיין, ווייל דער גביר וואַרט. און די מיליע מיליאָנען מיליאָסן האָבן פיינט צו וואַרטן, איר פאַרשטייט?

**גראַבער און בוים**

קומט לאָמיר גיין

שלעפּן אַוועק מנחם מענדלען

**רייזל**

בלייבט אַ ווײַלע אַליין און מאַכט נאָך מיט די הענט, ווי מנחם מענדל רעדט.

פלוצלינג גיט אַ קלונג, פונקט ווי דער הימל זאָל זיך עפענען, ריי.ל שפרינגט אָפּ אָן אַ זייט. עס שווימט אַרויף אויף דער סצענע דער גביר, ער גלאַנצט אינגאַנצן אַטלעס. נאָך אים די גבירטע, זי פינקלט: אַטלעס, גאָלד און זילבער. נאָך איר די גבירטשיקעס, אויסגעפוצט אין גרין און ליליאַ. יעדערער טראָגט אויף דער פּלייצע אַ זעקעלע און עס איז אָנגעשריבן אויף דעם: געלט. (די פאָלקס פאַנטאַזיע וועגן אַ גביר). נאָך זיי טישלעך מיט סעקרעטאַרן, מיט טעלעפאָנען, מיט מאַשינימטקעס, אויטאָמאָבילן, שאָפערס, קיכערס, קעכינס, שטוב-מיידלעך און אַנדערע דינערשאַפט. אַלע בלייבן שטיין. עס גיט אַ קלונג, גלייך דער הימל זאָל זיך עפענען און עס קומען אָן אַנטקעגן גראָבער, בום און מנחם מענדל. דער גביר און די סעקרעטאַרן צינד אַלע פּאַראַמאָל אָן גרויסע ציגאַרן. מנחם מענדל טראָגט עטלעכע מאָל איבער דעם שירעם פון איין האַנט צו דער אַנדערער. גראָבער און בום וואַרטן רויק.

## גביר

לאָמיר זען אייער טורעם.

בום אַרבעט ביים אַפּאַראַט, דער טורעם צינדט זיך אָן

**פופציק יאָר צוריק. טונעיאַדעווקע, אַ חדר.**

## קינדער-שטימען

קאָמעץ אַלעף — אָ
קאָמעץ בית — באָ
קאָמעץ גימל — גאָ

## קול פון רבין

שייגעץ! נאָכאַמאָל זאָג!
בראשית — פון אָנהויב.

## קינדער-שטימען

בראשית — פון אָנהויב.

## קול פון רבין

בראָ — האָט באַשאַפן.

## קינדער־שטימען

בראָ האָט באַשאַפן.

## קול פון א פּרוי

שלאָגט אים רבי, אַז בלוט זאָל גיין. ער איז געפאָר
רייטנדיק אויף דער שכנטעס ציג.

## קול פון רבין

אויף אַ ציג, אוי, אוי, אוי.

## קול פון א פּרוי

איז די ציג אויף מיינע צרות קראַנק געוואָרן.
איז ליגט די ציג קראַנק. קוים זי מעקעט: מע, מע.
און דער תּכשיט איז גאָר אַוועק צום טייך זיך באָדן.

## קול אויף רוסיש

עטאָ טשטאָ זאַ שום?
עטאָ טשטאָ זאַ בעזפּאָריאַדקי?

## קול פון רבין

ווייז איז מיר אַ פּאָליציאַנט!

## קול פון א פּרוי

ווייז איז מיר, וואָס וויל ער?

## קינדער־שטימען

דריי, פיר — פאַרמאַך די טיר,
פינף, זעקס — באַק געבעקס,
זיבן, אַכט — אַ גוטע נאַכט.

דער גביר און אלע סעקרעטארן לאכן. מנחם מענדל לאכט מיט. בום און גראבער שמייכלען.

דער מורעב צינדט זיך אן:

**ווילנע, יאר 1902. צארישע רוסלאנד.**

## קול פון א פרוי אין טרעם

חברים, איך עפן היינט צום ערשטן מאל די זיצונג פון ווילנער קאמיטעט נאכן העלדישן טויט פון אונזער חבר הירש לעקערט. לאמיר באערן זיין אנדענק.

מען הערט א האשיקע באוועגונג פון שטולן און א שטילן כלי-פען פון א פרוי

## קול פון א פרוי

דער יידישער פראלעטאריאט האט ארויסגעשטעלט פון זיך א ראכע-נעמער פאר דער באליידיקונג פון זיין ערע. מיט דעם האט ער דערוויזן, ווי אנטוויקלט עס זענען ביי אונז די געפילן פון מענטשלעכער ווירדע. ערע דעם ראכע-נעמער, וועלכער האט זיך געבראכט אן אפפער פאר זיינע ברידער. ער האט זיך נוקם געווען פאר דער שאנד, פאר שמייסן ארעסטירטע ארבעטער און האט די שאנד אפגעוואשן מיטן בלוט פון צארישן הונט פאן וואל. לעקערט האט דערפאר באצאלט מיט זיין לעבן. דער העלדישער טאט פון הירש לעקערט וועט אונז וועקן צום קאמף און זיין טויט וועט רופן צו נקמה. מיר, וואס האבן געלעבט און געקעמפט צוזאמען מיט הירש לעקערטן, וועלן געדענקען זיין נאמען אין טעג פון שווערן קאמף און אין טאג פון גרויסן לעצטן זיג. דעמאלט, ווען מיר וועלן בויען א וועלט פון גערעכטיקייט, א וועלט, ווו אלע פענסטער וועלן זיין צו דער זון.

דער גביר און די סעקרעטארן זיצן אומהיימלעך שטיל. אתמערן פענסטער גייט דורך א קינדער-דעמאנסטראציע

### קינדער

ברויט פאַר אונז!
א דאַך פאַר אונז!
אלע פענצטער צו דער זון!

גביר שפרינגט אויף, דערהערנדיק דעם לעצטן לאָזונג.

### גביר

מאַכט צו דאָס פענצטער!

איינער פון די באַדינער פארמאַכט הילכיק דאָס פענצטער. דער גביר שטעלט זיך אויף און אלע סעקרעטאַרן נאָך אים

דעם טורעם נעמען מיר נישט. אָן. מיר קענען אים נישט אָננעמען. ניין.

קיקט זיך ארום אויף זיינע סעקרעטאַרן

### סעקרעטאַרן

ניין.

ענטפערן אלע אין כאָר.

אלע גייען אוועק. עס בלייבן גראַבער, בום, מנחם מענדל.

### מנחם מענדל

פאַכנדיק מיטן שירעם, ווי מיט א פליגל

וואָס איז ער דאָ ביז געוואָרן? און פאַרוואָס טאַקע נישט אויסבויען אַזאַ־אָ טורעם? נאָר אזא גביר קיין עין הרע קען נעמען און אויסבויען אזא זאַך, נאָר ווער דען? איך זאָל בויען? דער אָרעמאַן זאָל בויען? איך וואָלט אוודאי בעוואָלט עפּעס אויפטאָן, האָב איך דאָך נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, איז טאַקע א יושר, אז ער, ראָטשילדאָוויטש, זאָל אויסבויען אזא זאַך און טאַקע פאַר אַלעמען. און פאַרוואָס נישט? איוביק לעבט א מענטש? האַ? איך פרעג אייך? ווער מען דערנאָך זאָגן: דער און דער, דער ברויסער גביר ראָטשילדאָוויטש, האָט אויסגעבויט...

**גראַבער**

(לייגט ארויף א האַנט אויף מנחם מענדלס אַקסל)

מען וועט באַרנישט זאָגן...

(בום און גראָבער גייען אַוועק)

**מנחם מענדל**

פאַרוואָס טאַקע נישט? פאַרוואָס נישט?

פ אָ ר ה אַ נ ג

# בילד צען

(חנה רויזע און יאנקל יוסע אין צימער. זי שיילט קאר-
טאָפל און ער לייענט א צייטונג.

## חנה רויזע

איך וואָלט געוועז א בעלן וויסן, ווו זענען איצטער
אונזערע פארשווינען, ווו זענען זיי פארפאָרן?
מיר האָט זיך געחלומט, אַז בוים איז אויסגעוואָקסן
און גאָר א גרויסער יונג געוואָרן.

## יאנקל יוסע

נאדיר, דערמאָנט זיך גאָר אָן בומען...
ווער ווייסט, ווו זיי זענען אהינגעקומען?
אָט בעסער הערט, וואָס עס ווערט געשריבן אין בלאַט:
„א יינגל פון צען יאָר איז געוואָרן א מאגנאט".

## חנה רויזע

אָט לייען טאקע, לאָל מען הערן,
אפשר וועט דער אויבערשטער אונז עפעס אויך באשערן.
אין פענצטער שטעלן זיך אריין די קעפ פון דער קוויטשעדי-
קער שכנה און פון דער ירענע. מען זעט הערשל בערס קאָפ
אויך.

## יאנקל יוסע

„אהרן שימעלשטיין, א יינגל פון צען יאָר איז געוואָרן
א מאגנאט. און גאָר אומגעריכט. ער האָט באקומען א

ידיעה, אַז זיין פֿעטער אין קאַליפֿאָרניע, אַ גרויסער גביר איז פּלוצלינג געשטאָרבן, און האָט אָפּגעשריבן זיין גאַנצע ירושה פֿאַרן יינגל.

## שכנים

טאַקע געוואָרן אַ מאַגנאַט? אַז עס טרעפֿט, איז גוט.

## יאַנקל יוסע

לייענט ווייטער

און אָרעם מיידל האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיליאָנער און ווערט גליקלעך אויפֿן גאַנצן לעבן. אין פּאַריז איז פֿאַרלאָפֿן אַ וווּנדערלעכע מעשה. אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אין רעסטאָראַן, האָט זיך באַקענט מיט אַ גרויסן מיליאָנער...

מען קלינגט אין טיר. רייזל, גראַבער און בום קומען אַרײַן.

## חנה רויזע

דערפֿרייט זיך

איר האָט זיך מיר טאַקע געחלומט...

## בום

דאָס האָט איר אונדז, מומינקע, געזען פֿון דערווייטנס.

## גראַבער

קיין ברייוו נישט געווען?

## חנה רויזע

ברייוו? עפּעס יאָ געווען און עפּעס נישט געווען...

קוקט זיך איבער מיט יאַנקל יוסען

איך געדענק נישט, איך האָב נישט געזען.

## שכנים

אין פֿענצטער

צוריק געקומען...

## שכנים

די וועלט איז גרויס און שיין און מען קומט צוריק אהיים.

## שכנה

איז מען ווידער דאָ מיטן גאַנצן ברוך הבא.

## יידענע מיט באַסאָוועד שטים

אויף עפּעס רעכטס געפינען זיך בעלנים.
נישקשה, די וועלט פאַרשטייט זיך אויף אַ שיינעם פּנים.

## הערשל בער

אוודאי און אוודאי, צוריקגעקומען...
די וועלט וועסטו נישט איבערמאַכן און נישט איבער־שפּאַרן...

## שכנה מיטן קוויטשיקן קולכל

צוריקגעקומען?
הייסט עס, מען האָט זיי נישט אָנגענומען.
שכנים זשומען, ווי אין אַ בינשטאָק.

פ אָ ר ה א נ ג

# בילד עלף

גראַבערס און בומס צימער. בום שטייט בײַ אַ טישל
און צייכנט. גראַבער גייט אום הין און צוריק און
רויכערט. אין צימער איז שטיל. רייזל שרייבט.

### רייזל

וואָס איז אַזוינס אַ דיאַגאָנאַל?

### גראַבער

לאָז צו רו, רייזל...

### בום

רויק

אַ דיאַגאָנאַל איז די לענגסטע ליניע וואָס מען קען מאַכן אין אַ רעכטעק.

### רייזל

און וואָס?

בום גייט-צו צו רייזלען, ווײַל איר ווײַזן די ליניע

### גראַבער

בלײַבט שטיין האַסטיק נעבן בומען

דו ווייסט, בום, עס וואָלט גלײַכער געווען, דו זאָלסט אײַנגעאַנצן דעם טורעם נישט אויסבויען. צו וואָס? נײַן, איך מיין אין דער אמתן צו וואָס? אָט שטייט ער און האָט אַרום אונז עפּעס אַ פּוסטקייט געמאַכט. אַפילו די

שכנים קומען שוין נישט צו צו אונזערע פענצטער. און דו? דיך ארט נישט. דו ארבעטסט, ארבעטסט און ארבעטסט...

**בום**

יאָ, מיר דארפן דעם טורעם פארפולקאָמען. אָט זעסט, אזוי וועט די שטים זיין רייגער.

*ער ווייזט א טייל פון אפאראט, וואָס מען דארף ענדערן*

**גראבער**

וואָס איז די נפקא מינא, ריינער נישט ריינער. אז סיי ווי ווייל קיינער דעם טורעם נישט בויען. איך קען נישט פארגעסן די לאנגע זוכענישן.

*ער כאפט זיך ביים קאָפּ*

מנחם מענדל, ראָטשילדאָוויטש, עפּעס א מין מאָדנער חלום. און אָט שטייט דער טורעם, עפּעס ווי א ביין אין האלדז דער וועלט אוועקגעשטעלט און מען וויל זיך מיטן ביין נישט ווערגן.

*א פּאוזע*

**בום**

איך דערמאָן זיך איצט, ווי איך בין געקומען צו דיר. און דו האָסט מיר געוויזן דעם גרויסן הימל אין טע־לעסקאָפּ און דיינע מאנוסקריפּטן. „אָט דאָס אלץ מוזסטו אויסלערנען, אויב דו ווילסט בלייבן דאָ", אזוי האָ טו צו מיר געזאָגט. און איצט איז אָפן פאר אונז א גרויסע וועלט. אינדערהויך ארויף, ארויף צו די דורות.

**גראבער**

ארויף... נאָר מיר זענען אליין. קיינער וויל נישט מיטגיין.

**בום**

פארקערט! אָט בין איך, אָט ביסטו און אנדערע וועלן קומען.

בום הויבט אָן שטילערהייט צו זינגען

מײַן באַן, מײַן באַנעלע
בים־בים, בום־בום...
די וועלט, די גאַנצע וועלט פאָר אַרום.

גראַבער כאַפּט אונטער די לעצטע ווערטער

## גראַבער

די וועלט... ווער איז די וועלט? מנחם מענדל? ראָטשילד־דאַווידטש? די פּרעסע־הינט. וואָס האָבן געבילט ווען דײַן דערפינדונג און פּלוצלינג שטום געוואָרן... ווער איז די וועלט, בים? אַ אויסטראַכטעניש. און אין אַלע דײַנע דורות איז זי געווען אַן אויסטראַכטעניש.

## בום

עס מאַכט נישט אויס, וואָס די שכנים קומען נישט צו אונדזערע פענצטער...

## דרייזל

לאָזט איבער דאָס שרײַבן און גייט־צו צו דעם ראַדיאָ, שטעלט אים אָן.
דער ראַדיאָ שפּילט: „טאָרעאַדאָר".

## גראַבער

אומגעדולדיק

וואָס דרייט ער דאָרט אַ פידל?

## בום

פײַפט

מײַן באַן, מײַן באַנעלע, בים, בים,
בום, בום.

## דרייזל

דרייט דעם ראַדיאָ

## ראַדיאָ

פּלוצלינג

האַלאָ! האַלאָ! דער טורעם פון בנימין שניידער און אַר־כיטעקט גראַבער איז אָנגעגנומען געוואָרן אין אונזער לאַנד.

אַלע גיבן זיך אַ וואָרף צו דעם ראַדיאָ

## ראַדיאָ

די דערפינדער ווערן געבעטן קומען און בויען דעם טורעם אין דעם לאַנד, ווו אַלע פענצטער זענען צו דער זון.

## שכנים

לויפן אָן צו די פענצטער

אָנגעגנ מען דעם טורעם?

## שכנה

ווו? ווער?

## שכן

אין לאַנד

## בוים

„ווו אַלע פענצטער זענען צו דער זון"

עס גיבן זיך אָן עפן אַלע טירן. עס קומען אריין די געזעלן פון שניידער־וואַרשטאַט, פון שלאָסער־וואַרשטאַט, אַ טראַקטאָר פאָרט ארויף מיט אַ טראַקטאָריסטקע, זיי ברענגען פאָנען מיט אויפשריפטן:

„ווו אַלע פענצטער זענען צו דער זון"

דער טורעם צינדט זיך אָן

פ אָ ר ה אַ נ ג